שנה א • קַן ב • כסלו תשע"ט לפ"ק

ווער געווי זענען די העלדן פון חנוכה?

ווער זענען די תַּרְמוֹדָאִים?

# קִנָּן

חדש מלא ישן

חנוכה ליכט אין דער 'בית החורף'

פויזנער רב: דער מהר"ל מפּראָג

צוויי רבנִי'שע שידוכים אין קראָקא

חברי 'קבלת שבת' אין די קהלות

הק' ר' מתתי' קאַלאַהאָרא הי"ד

אַן אינטערעסאַנטער פּאַראָם - 'דער פליענדער בריק'

מגלת יוחסין למהר"ל מפּראָג

יו"ל ע"י

יוסף נחמי' הכהן קוואדראט

היסטאָריע • מנהג • הלכה • ידיעות • יוחסין • ועוד

בה"ג מבבל | ר' עמרם
גאון | ר' חנינא גאון
מפומבדותא | ר' סעדי'
גאון | ארבעה שבוים
**ד'תש**
• ר' אבון הגדול |
ר' משה בן קלונימוס
מלוקא | מנחם בן סרוק |
דונש בן לברט |
ר' שמעון הגדול
ממגנצא | רבנו שרירא
גאון מפומבדותא |
ר' שמואל בן חפני גאון
מסורא |
ר' אמנון ממגנצא |
רבנו גרשום
מאור הגולה ממגנצא |
רבנו האיי גאון
מפומבדותא |
דון יחייא |
סגירת ישיבת סורא
**ד'תת**
• ר' יוסף טוב עלם |
ספר הדינים |
ר' שלמה אבן גבירול |
ר' שמואל הנגיד |
רבנו חננאל | ר' אליה
הזקן | סגירת ישיבת
פומבדותא | ר"י בן יקר |
ר' משה הדרשן |
ר"י אבן גיאת |
ר' קלונימוס הזקן |
מסעי הצלב - תתנ"ו |
רי"ף | רש"י | הערוך |
מחזור ויטרי | חובת
הלבבות | התרומה |
שערי דורא | סדר עולם
זוטא | ר' שלמה הבבלי
**ד'תתק**
• ר"י מגאש | כוזרי |
רשב"ם | ריב"ם |
ר"י הזקן | אבן עזרא |
ראב"ן | קדושי בלויאַש |
רבנו תם | ר"ש מפולייזא
| רבנו אפרים | קדושי
יאָרק | ר' מאיר ש"ץ |
ר"י מאורליינש |
ר"י בכור שור | יראים |
ר' חיים הכהן | ראב"ד |
שר מקוצי | רמב"ם |
התרומה | ר' יהודה
החסיד | ראבי"ה | ר"ש
משאנץ | רוקח | רד"ק |
תוספות רי"ד |
בנימין מטודילא
**ד'תתר**
• מדרש לקח טוב | רמ"ה
אבולעפיה | אור זרוע |
סמ"ק | רבנו יחיאל
מפאריז | רבנו יונה |
גירוש ענגלאַנד | רמב"ן |
ר"י מקורביל | שבלי
הלקט | סמ"ג | ר"א מטוך
| ר"ש מקינון | ר"מ
מרוטנבורק | ר' מרדכי |
רבנו פרץ | רא"ה |
ר' משה די ליאון | גירוש
צרפת הגדול | חזקוני |
רשב"א | תניא רבתי |
מאירי | גזירת הרועים |
רא"ש | ריטב"א | יסוד
האינקוויזיציא
**ק**
• אגודה | ילקוט שמעוני
כפתור ופרח | רבינו
בחיי | בעל הטורים |
ספר הנייר | רלב"ג |
זכרון יהודה | ריקנאטי |
ר"ן | המגיפה השחורה |
ר"א קלויזנר | ריב"ש |
מגיד משנה | ר' חסדאי
קרשקש | ר' מתתי'
טריוש מפאריש |
ר' עחזר משלזיא | ר"מ
ממירזבורק | ר' שלום
ווינער | מהר"א טירנא |
גירוש אוסטרייך הגהות
אשרי | מהרי"ל |
המספיק | ר"א קרא
**ר**
• ספר העיקרים |
ר"י ווייל | רשב"ש |
תרומת הדשן | ר"מ מינץ
ר"י קולון | ר"י ברונא |
איסור והיתר הארוך |
לקט יושר | דפוס | גירוש
ספרד | גירוש סיציליא |
גירוש סרדיניא | גירוש
ליטא | ר"י אבוהב |
גילוי אמריקא | עקידה |
אגור | גירוש פּאָרטוגל |
אברבנאל | ר"י מינץ |
ברטנורא | ר"י דילה
ריינה | ר"א זכותא | ר"א
מזרחי | ר"י פולק | ר"ש
מולכו | דוד הראובני
**ש**
• ר"י בירב | תשבי | ר"מ
אלשקר | ר' יוסלמן
מרוסהיים | ספורנו |
ר' שכנא מלובלין |
ר"מ פדואה | גירוש
איטאַליאה | רמ"ק |
רמ"א | אר"י | רש"ל |
בית יוסף | שלחן ערוך |
ר"י בן לב | ראשית
חכמה | שיטה מקובצת |
אלשיך | חרדים | מדרש
שמואל | מהר"ל | לבוש |
צמח דוד | הגט מווינא |
סמ"ע | מהר"ם | כלי יקר
רמ"ע | משאת בנימין |
של"ה | רש"א | מג"ע
**ת**
• ב"ח | גזירות ת"ח ות"ט
תויו"ט | חלקת מחוקק |
ר' העשיל | ש"ך | שבתי
צבי | ט"ז | גירוש ווינא |
באר הגולה | ברכת
הזבח | שער אפרים |
גירוש ביהם | מג"א |
פרי חדש | עיר דוד |
עולת תמיד | חות יאיר |
בית שמואל | קב הישר |
אליה רבא | חכם צבי |
שפתי חכמים | סמיכת
חכמים | ר' יואל בע"ש |
יעקב פראנק | ר"ש
ווינער | מדרש תלפיות |
חק יעקב | תבואות שור
**תק**
• שב יעקב | אוה"ח |
פני"מ | רמח"ל | הגט
מבראד | פנ"י | בעש"ט |
ר' יונתן | הגט מקליווא |
גזירות גונטא | יעב"ץ |
שאג"א | משה דעסוי |
נוע"א | פרמ"ג | נר"ב |
מאור עינים | גר"א | דגל
יסוד הישיבות | הפלאה |
חיד"א | מחצית השקל |
תניא | קצות | חוזה |
נאַפּליאון | באמ"ח | ח"א
מאר"ש | ברוך טעם |
בית אפרים | פלא יועץ |
מהר"מ בנעט | חות דעת
רעק"א | ישועות יעקב
**תר**
• חת"ס | בת עין | ישמח
משה | בנ"י |
בע"ש ממיכלשטאט |
תפארת שלמה | חידושי
הרי"ם | מהרש"ק | ערוך
לנר | מנחת חינוך | שו"מ
| דברי חיים | קול ארי' |
קיצור ש"ע | רש"ר הירש
בית הלוי | נצי"ב |
בית יצחק | שדי חמד |
ערוך השלחן | בן איש חי
אבני נזר | מהרש"ם |
מלחה"ע א' | אור שמח |
אמרי יושר | כלי חמדה |
חפץ חיים | צפנת פענח |
כף החיים | מלחה"ע ב'
**תש**
• שערי ישר | קובץ
שיעורים | קדושת ציון |
אחיעזר | פרדס יוסף |
ר"מ זעמבא | חובת
התלמידים | חזון איש

קנקן

*אינטערנאַציאָנאַלע*
*סטאַנדאַרט סיריאַל נומער:*
ISSN 2631-3502

יו"ל
**בעיר הבירה לונדון יצ"ו**
ע"י
**יוסף נחמיה הכהן קוואַדראַט**
עורך ראשי



*טעלעפאָן:*
+1 929 46-46-46-5

*פאַקס:*
+1 646 931-1947

*אימעיל:*
info@kankanpublication.com

*אַדרעססא:*
34 Olinda Road
London
N16 6TL
United Kingdom



© 2018
אַלע רעכטן רעזערווירט



שירה
הפצת ספרי קודש

*הפצה ראשית בארה"ב:*
**שירה**
*טעלעפאָן:* +1 718 871-8652

*הפצה ראשית באירופא:*
נא להתקשר עמנו ע"י אימעיל

זְכֹר יְמוֹת עוֹלָם · בִּינוּ שְׁנוֹת דֹּר וָדֹר

בעזרת ה׳ יתברך

קובץ

# קַנְקַן

· קן ב ·

חודש כסלו
שנת שׁוֹב הקַנְקַן הַנִפְלָא לפ״ק

קַנְקַן חָדָשׁ מָלֵא יָשָׁן
**אַ נייע אויסגאַבע פול מיט אַלטעס**
געאייגנט פאַר יונג און אַלט

באַקענט אַייך מיט וואָס עס האָט נאָר אַ פאַרבינדונג
מיט אונזערע רייכע היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט


געשריבן, רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן
דורך
**יוסף נחמי׳ הכהן קוואַדראַט**
מק״ק לונדון עיר המלוכה יצ״ו



תסתכל בקנקן מה שיש בו

# אינהאַלט

**וואָס צו ערוואַרטן פונ'ם דאָזיגן נומער**

איידער מיר ווענדן זיך צו דעם אינהאַלט פונ'ם יעצטיגן נומער, ווילן מיר זיך דא אָפּשטעלן, אין ארויסגעבן אונזערע געפילן פון דאַנק און לויב צו השי"ת, אַז מיר קענען קלאַסיפיצירן דעם ערשטן קן אַלס אַ סוקסעס. אונזערע פאַרטיילערס (דיסטריביוטערס בל"ע) סיי פון דאָהי און סיי פון ניו יאָרק, זענען איבעראַשט געוואָרן פון די וואַרעמע אויפנאַמע ווי אַזוי איר האָט אויפגענומען אונזערע/אייערע קנקנים, נישט ווינציגער איז געווען די איבעראַשונג פון די מוכרי ספרים. כן יעזור הלאה.

האמת יאמר, איידער מיר האָבן זיך ערנסט גענומען דערצו, האָט מען אונז שטאַרק אָפּגערעדט דערפון מיט די [פּאַלשע] טענה "ס'איז נישטא קיין מאַרק דערפאַר!" האָט איר זיי אויפגעוויזן אַז עס איז נישט מער ווי אַ פשוט'ע הוצאת שם רע אויף כלל ישראל. ולא זו בלבד, איר האָט פאַרלאַנגט נאָך, איר האָט פאַרלאַנגט בעסערס. מיט'ן דאָזיגן נומער, טוען מיר אייך בע"ה ביידע צושטעלן - מער און בעסערס! 'מער', פשוטו כמשמעו, עס פאַרמאָגט מער זייטן מיט מער וואַרע. 'בעסערס', ווי אונזערע חברי המערכת געבן איבער, פאַרמאָגט דער דאָזיגער 'קנקן' בעסערע וויין.

אַלזא, וואָס האָבן מיר פאַר אַייך אין די דאָזיגע אויסגאַבע?

"דער פליענדער בריק!" איר וואונדערט זיך וואָס דאָס איז, און וואָס זוכט דאָס אין אַ קובץ געווידמעט פאַר תורה'דיגע און היסטאָרישע ידיעות. איר פרעגט גוט, מיר דרייען צוריק דעם זייגער מיט איבער דריי הונדערט יאָר, מיר בלעטערן אויף עטליכע תשובות ספרים זיך צו באַקענען מיט אַן העכסט אומבאַקאַנטן געציג, וואָס נישט וואוסנדיג די היסטאָריע דערפון איז כמעט אוממעגליך צו פאַרשטיין וואָס די פוסקים ווילן פון דעם בריק. אין פאַקט, כמעט יעדן תלמיד חכם וועמען מיר האָבן געפרעגט צו ער קען אונז ערקלערן וואָס דאָס איז, האָט פשוט געצויגן מיט די פּלייצעס נישט וויסנדיג לא מניה ולא מקצתיה [די וואָס האָבן שוין יא געוואוסט צו זאָגן 'וועגן' דעם, האָבן נאָכאַלץ נישט געוואוסט 'וואָס' דאָס איז].

אַזויוי די הלכה רובריק איז געווידמעט, צו פאַרברייטערן די טעמע פון הלכות מיט וואָס מיר באַגעגענען זיך אויף אַ שטענדיגן אופן און מיינסטנס ווייסן מיר נישט וואָס מיר טוען. האָמיר דאָסמאָל געקליבן דורכצוטוען דאָס ענין פאַרוואָס מיר צינדען חנוכה ליכט פון לינקס צו רעכטס - און מיר באַקענען זיך מיט'ן באַקאַנטן אומבאַקאַנטן 'בית החורף'.

האַלטנדיג אין די כסלו טעג ווען עס פאַלט אויס דער יאָרצייט פון הק' ר' מתתי' קאַלאַהאָרא הי"ד פון קראָקא, באַקענען מיר זיך מיט זיין טראַגישע געשיכטע, אין וועלכע ער איז אַזוי ברוטאַל אומגעבראַכט געוואָרן אין פּיעטריקוב צוליב אַ געמיינעם בלבול - אַ קאַפּיטל וואָס אינדערהיים איז געווען ברייט באַקאַנט, אָבער ליידער נאָכ'ן חורבן איז דאָס נאָך איינס פון די זאַכן וואָס זענען פאַרגעסן געוואָרן.

אַזויוי 'קנקן' איז פריש, דעריבער וועלן די ערשטע פּאָר נומערן האָבן מערקבאַרע פאַר-בעסערונגען. אָט דער נומער ברענגט מיט זיך מיט עטליכע קענטיגע פאַרבעסערונגען : 1. מיר האָבן געשטעלט היסטאָרישע מאַפּעס פונ'ם דאָרטיגן ראַיאָן, אָנהייב יעדן אַרטיקל, בכדי צו האָבן אַ בעסערע בליק ווי אַזוי די געגענט האָט דעמאָלטס אויסגעזען, און צו וויסן ווי מען שטייט ערגעץ אויפ'ן וועלט. אַזוי אויך האָ'מיר פאַרצייכנט וואָס מיר האָבן געפונען אויפן מאַפּע וואָס קען אַייך זיין אינטערעסאַנט. 2. מיר האָבן שטאַרק פאַרברייטערט די 'עולם שנה נפש' קעסטלעך - ווי איר וועט מערקן. דאָך ווילן מיר דא באַטאָנען אַז די אינפאָרמאַציע וואָס מיר לייגן אַריין אין די קעסטלעך, האָ'מיר נישט זעלבסט נאָכגעפאָרשט, נאָר זיי שטאַמען פון פאַרשידענע אַנציקלאָפּעדיעס.3. מיר האָבן גערוקט מיינסטנס פון די 'קוועלער אין באַמערקונגען' צו די ענדע פון יעדער אַרטיקל.

מיר ווילן זיך דא באַדאַנקן פאַר די אַלע בריוו וואָס איר האָט אונז געשיקט, עטליכע אויסגעקליבענע האָ'מיר דא געדרוקט. אַזוי אויך באַדאַנקן מיר זיך פאַר די 'וואויסמעילס' וואָס איר האָט אונז איבערגעלאָזט, און די פּערזענליכע וואַרעמע באַגריסונגען וואָס מיר האָבן פון אַייך באַקומען, דאָהי, ניו יאָרק, און אַנטווערפּען.

אַזוי אויך האָ'מיר באַקומען אַייערע בקשות פון געוויסע טעמעס וואָס מיר זאָלן באַשרייבען, זיי זענען אַרויף אויף אונזער ליסטע, און בע"ה וועט עס נאָכפאָלגען.

*בכבוד רב,* ***יוסף נחמי' הכהן קוואדראט***


טאָגבוך
## 9 צוויי שידוכים אין קראָקא
נישט קיין פשוט'ע, נאָר גאָר רבני"שע שידוכים

כראָניק
## 25 פויזנער רב: דער מהר"ל מפּראָג
צמח דוד שנת שנ"ב

היסטאָריע
## 37 הק' ר' מתתי' קאַלאַהאָרא הי"ד
ווערט אומגעברענגט אויף קדושת ה' אין פּיעטריקוב, פוילן

רייזעבאַריכט
## 49 ווער זענען די תַּרְמוֹדאים?
אַ היסטאָרישע איבערזיכט פון חז"ל איבער אַן אומבאַקאַנטע ציוויליזאַציע

שאלה
59 אַן אינטערעסאַנטער פּאַראָם
מעג מען גיין אויף אַ 'פליענדען בריק' אום שבת קודש?

פּאַרשונג
79 די היסטאָריע פון קבלת שׂבת
די היסטאָריע ווי אַזוי עס האָט זיך אַנטוויקלט [צווייטע פאָרזעצונג]

הלכה
89 חנוכה ליכט אין דעם 'בית החורף'
ווען צינדט מען פון די רעכטע זייט און ווען פון די לינקע זייט?

פיוט
107 ווער זענען די העלדן פון חנוכה?
איז דאָס יהודה המכבי, יהודית, אָדער גאָר עמיצער אַנדערש?

יחוס
123 מגלת יוחסין למהר"ל מפּראָג
המורחבת והמתוקנת [חלק ב']

קאָמענטאַרן
141 קני קוראי הקנקן
בריוו וואָס זענען אָנגעקומען צו דער רעדאַקציע